חיי ובזוני רוויחי. לחיים, לחיים.

* * *

ב. אין דעם נוסח הברכה פון ברכת "גומל" געפינט מען א דבר פלא, וואס אין אנדערע ברכות ובכלל אין נוסחאות איז דאס ניטא,

און דאס איז וואס מ'איז מוסיף דעם ווארט "לחייבים". וואס לכאורה איז דאך דאס ניט פארשטאנדיק:

בשעת מ'איז מודה להקב"ה, איז דארף מען דאך זאגן אז דאס אויף וואס מ'איז אים מודה,

וואס עד"ז איז דאך אויך אין ברכת הנהנין, וואס דאס איז דאך אויך אן ענין של הנאה, ועד"ז אין ברכת הודיי',

האט דאך געדארפט זיין, אז "ברוך" אט דער "שגמלני טוב". און דא איז מען מוסיף נאך דעם ענין, אז מ'זאגט, צו וועמען האט ער גומל געווען "טוב" - איז דאס "לחייבים".

וואס בפשטות איז קען מען זאגן אויף דערויף דעם טעם: אז כדי להגדיל ולהדגיש, אויף מערער זיך מתבונן זיין אין דעם גודל החסד וואס דער אויבערשטער האט געטאן, אז אע"פ וואס אים האט דאס ניט געקומט, ואדרבא דאס איז גאר אן ענין פון "לחייבים" - און פון דעסטוועגן איז "גמלני טוב".

וואס דערמיט איז דאך אויך פארשטאנדיק, און דערפון פארשטייט מען, אז דער ענין פון "לחייבים" איז אן ענין עיקרי אין דעם נוסח הברכה,

וואס דערפאר איז דאך איינער פון די טעמים, ולרוב הפוסקים, פאר-וואס א קטן איז ניט מברך ברכת "גומל" - דערפאר וואס ביי אים איז ניט שייך זאגן "לחייבים", ווארום ער איז דאך ניט קיין מצווה במצוות, איז דאך ניט שייך דער היפך דערפון פון "לחייבים", און וויבאלד אז ער קען ניט זאגן "לחייבים" - איז ער אינגאנצן פטור פון דעם ענין פון ברכת "גומל".

אויף דערויף איז ניט קיין סתירה, וואס ס'איז דאך דער דין, אז אויב ער האט געזאגט אין אן אנדער נוסח לגמרי, ניט ער האט משנה געווען דעם נוסח, נאר אין אן אנדער נוסח לגמרי, און האט ניט דערמאנט דעם ענין פון חיוב, ~~אבי~~ האט ער אויך יוצא געווען דעם ענין פון ברכת "גומל",

ווארום וויבאלד אז אין דעם סוג פון "חייבים" איז ער - איז ער שוין אריין אין דעם חיוב פון דעם ענין פון ברכת "גומל",

אבער אט די וואס בא זיי איז ניטא די מציאות פון "לחייבים" - איז בא זיי אויך ניטא דער ענין פון ברכת גומל.

וואס דאס דארף זיין אין א הדגשה, אויב אז איז מן הקצה אל הקצה, ניט נאר אים האט ניט געקומט, נאר פארקערט - עס האט נאך געדארפט זיין פארקערט.

עפ"ז איז אבער ניט פארשטאנדיק: אויב אזוי האט געדארפט זיין דער זעלבער נוסח אויך אויף ברכת הנס:

אויף נס איז דאך אויך א ברכה א ברכת הודיי', אז "ברוך שעשה לי נס" - האט דאך אויך געדארפט זיין די הדגשה, אז אע"פ וואס אינו ראוי כלל, און נאך אדרבא דער היפך, "לחייבים", און פונדעסטוועגן איז "עשה לי נס". און בא ברכת הנס איז דער גאנצער ענין ניטא.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז אין דערויף איז דא נאך אן ענין, וואס מצד דערויף איז ביי א נס איז דאס ניט שייך צו זאגן און בא ברכה גומל איז דא דער ענין פון "להייבים".

וועט מען דאס פארשטיין פון פניביות הענין בזה, וואס דאס איז אויך מרומז אין אגרת הקודש, אז גלייך נאך דער אגה"ק "פותחין בברכה" - איז די צווייטע אגרת פון "קטונתי מכל החסדים", וואס דאס האט געזאגט דער אלטער רבי בשעה ער איז ארויס מבית האסורים, וואס דעמולט איז געווען דער "פדה בשלום נפשי" - האט ער דערנאך געשיקט די אגרת "קטונתי מכל החסדים".

און דארט איז ער מבאר, אז דאס וואס יעקב האט מסביר (?) געווען דעם "קטונתי מכל החסדים ומכל האמת", אז מצד דערויף וואס מ'האט אים באוויזן די חסדים און אמת, איז דאס האט אים נאך מער מקטין געווען, ווארום "כל הקרוב קרוב יותר" איז אפילו אן ענין קל, וואס איז שלא לפי כבודו של ממה"מ הקב"ה - איז דאך דאס מערער תופס-מקום און ס'איז מער נוגע.

ובסגנון חז"ל אז "מאן מחוי במחוג קמי' מלכא", אז בשעת מ'שטייט לפני המלך, איז דעמולט א <u>תנועה קלה</u> הייסט דאס א מרידה במלכות ר"ל.

וואס אט דאס איז דער טייטש פון דעם אלטן רבי'ן, אז פארוואס איז "<u>קטונתי</u>" - דערפאר וואס "במקלי עברתי את הירדן ועתה הייתי לשני מחנות", איז די חסדים און דער אמת האבן אין אים געמאכט די קטנות מצד דעם קירוב וואס ער האט געהאט מלמעלה.

און ווי מבאר דער טעם אויף דערויף אויך אין די מאמרים וואס זיינען מבאר דעם ענין אין עבודת ה', און דאס איז דאך אויך מובן אין דברים פשוטים,

אז בשעת א "שפל אנשים" (און ווי ער רעכנט אויס אין תניא די אלע דרגות, אן עני און א מוטל באשפה מיט אלע פרטים שבזה), און עס קומט דער ממה"מ הקב"ה בכבודו ובעצמו און ער באווייזט אים אן ענין של "חסדים" ו"אמת" איז דער ריחוק הערך מאנט ארויס נאך א שפלות גדולה ביותר וביותר בא דעם עני וקטן צו וועמען דער מלך לאזט זיך אראפ.

וואס דאס איז דער ענין וואס עס מאנט זיך ארויס דער "קטונתי" מצד דעם <u>מקבל</u>;

עד"ז איז אויך דא דער ענין מצד המשפיע, מצד דעם וואס <u>באווייזט</u> די "חסדים" און "אמת", ווארום וואס מער עס ווערט נתגלה אלקות - איז דאך דעמולט ווייניקער ארט דא פאר מציאות און יש,

ע"ד ווי מ'זעט אין עבודת האדם למטה, איז אין ימות החול איז דאך דעמולט די עבודה דוקא אין אן אופן |פון| "בכל אשר תעשה", אז עס דארף זיין א מציאות פון עשי', און דאס ווערט א כלי אויף "וברכך ה' אלקיך", ווי ער זאגט אין מכילתא "יכול יהא יושב בטל, ת"ל (אז) ששת ימים תעשה", אז עס דארף זיין ע"פ תורה די מציאות פון א יש, וואס דאס איז דאך דער ענין פון עשי' - ענין הנפרד מן העצם,

איז אבער אין שבת, וואס דאס איז א העכערער אופן עבודה, וואס דעמולט איז מען דאך נעענטער און אלקות איז מער בגלוי - איז אט דעמולט ל"ט מלאכות דחול זיינען אסור, ניט נאר זיי <u>דארפן ניט</u> זיין, נאר וואס דען - עס ווערט נאך אן ענין של עבירה, ווארום ס'איז אסור אן ענין של מציאות; עס דארף זיין "ויכולו השמים והארץ", ווי מ'טייטשט אז די שמים וארץ לאזן זיך אויס מיט א כליון צו דעם כח הפועל, צום כח הבורא וואס האט זיי באשאפן.

אבער פונדעסטוועגן, איז שבת איז דאך דא אבער די "עבודה" - א מלאכה וואס זי איז פארבונדן מיט אן ענין וואס דאס איז של אכילה ושתי'. וואס

דאס איז דאך אויך א מציאות פון א יש, נאר וואס דען, דאס איז א מציאות פון א יש - אין ענינים דקדושה, דאס איז אבער פארבונדן מיט "נעשה דם ובשר כבשרו" פון דעם גוף הגשמי.

ועד"ז בינהיים, צווישן שבת און חול, איז דאך אויך דא די ימי יו"ט, וואס דארט איז נאכבער דא א מציאות פון ענינים של יש, וואס דערפאר איז דארט איז הותרו מלאכות של אוכל נפש, אפילו מלאכה וואס בשבת איז דאס א דבר האסור.

ביז וואנענט אז עס קומט דער יום וואס ער ווערט אנגערופן דער "יום <u>הקדוש</u>", וואס דעמולט איז ישראל "דומין למלאכין", אינגאנצן אפגעטראגן פון וועלט - איז דעמולט איז דא דער ענין פון "ענויים" פון אכו"ש - אפילו פון דער מציאות אויך.

וואס דער ביאור אין דערויף איז אין די צוויי ענינים:

אז דעמולט שטייט אלקות מער בגלוי, במילא זעט מען דאך אור, איז דער אור בדרך ממילא מבטל די מציאות פון דעם יש ודבר הגשמי והכלי,

און אויך מצד המקבל - זעט זיך אן אין דעם מקבל די שפלות ביותר, מצד דעם ריחוק הערך וואס ער האט דאס ביז איצטער ניט באמערקט.

וואס דערמיט איז מען דאך אויך מבאר, פארוואס עפעס דוקא אין שמו"ע זאגט מען דעם "סלח לנו כי חטאנו", איז דאך ידוע אויף דערויף די קשיא: דאס איז, ווי ער זאגט דאך, א מחילה וסליחה אויף עוונות ופשעים - האט דאך דאס געדארפט זיין אין תחילת העבודה, אין תחילת התפלה; איידער ער קומט צוגיין צו דעם אויבערשטן דארף ער פריער בעטן סליחה ומחילה, און דערנאך אריינגיין אין היכל המלך, און דער סדר איז, אז בסוף התפלה, ווען ער האט שוין אפגעזאגט די פסוד"ז, און די הקדמה שלפנ"ז, און ברכות ק"ש און ק"ש, ביז ער קומט צו שמו"ע, וואס דעמולט איז ער דאך "כעבדא קמי' מרי'" - א ביטול אינגאנצן - איז אט <u>דעמולט</u> ערשט דערמאנט ער זיך אז ס'איז דא אן ענין פון חטא ופשע און ער דארף אויף דערויף תשובה-טאן און דארף אויף דערויף בעטן די סליחה ומחילה?!

שטייט דאך אויף דערויף דער ביאור, אז די ענינים וואס איידער ער שטייט פארן מלך אין שמו"ע, איז דרך איש ישר בעיניו, אז ער זעט גארניט אן אז דאס איז אן ענין פון חטא ופשע -

בשעת ער גייט אריין אין "פלטרין של מלך", און ער שטייט "כעבדא קמי' מרי'" - איז אט דעמולט כאפט ער זיך, אז אפילו "מחוי במחוג" איז דאס געווען "קמי' מלכא" דערפאר וואס ס'איז דאך "מלא כל הארץ כבודו", "את השמים ואת הארץ אני מלא", איז דאך דאס וואס פריער איז ביי אים געווען "ישר בעיניו", און עס האט געהאט אן ארט אין שכל, ווארום ער איז געווען <u>מבחוץ</u> - איז בשעת ער כאפט זיך אז ער שטייט לפני המלך - זעט ער, אז ער דארף בעטן אויף דערויף "סלח לנו", אז דאס איז א "חטא", און נאכמער - אז דאס איז א "פשע" - "אלו המרדים".

וואס עד"ז איז אויך אין "כל הקרוב קרוב יותר" ווערט דער ענין פון "קטונתי" אלץ מערער, ביז וואנענט ווי ער זאגט אין דער אגרה הקודש, אז דעמולט האט יעקב אנגעהויבן מורא-האבן אז "שמא יגרום החטא",

וואס לכאורה: אויב בא יעקב'ן איז געווען א חטא - האט ער דאך זיכער פריער געדארפט טאן תשובה, און ער האט דאך זיכער <u>געטאן</u> תשובה, וואס עבודתו איז דאך געווען "האבות הן הן המרכבה", אז "כל ימיהם" וכל פעולותיהם איז דאך דאס געווען אין אן אופן פון "מרכבה" - איז ווי קומט אן ענין פון חטא, וואס דאס קען גורם זיין אז "יבוא והכני"?

- ה -

פארענטפערט אויך דערויף דער אלטער רבי, אז וויבאלד אז מ'האט אים באווויזן "חסדים ואמה", דאס הייסט מ'האט אים ארויפגעשטעלט אין אן עולם עליון יותר - איז אט דאס וואס בבעמדו ומצבו לפנ"ז איז דאס נישט געווען קיין חטא, איז אט דארט איז דאס יא אן ענין של חטא, בבחינת קען ער גורם זיין און דערנאך דערפון קען נשתלשל ווערן ביז למטה מטה.

וואס אט דאס איז אויך דער טעם וואס מ'קען זאגן בדרך אפשר וואס מ'געפינט ניט אין קיין ברכה דעם ענין פון "לחייבים"; דוקא אין דעם ענין פון ברכה "גומל", אט דארטן שטעלט מען צו דעם ענין פון "חייבים" -

וואדום די ברכת גומל איז דאך ווי ער זאגט אין דעם מזמור אין תהלים, אז דאס איז "יודו לה' חסדו", דערפאר וואס מ'האט זיך געפונען "ממצוקותיהם", און פון דארטן איז "יושיעם", און ווער האט דאס געטאן - האט דאס געמאן אט דער וואס נעמט ארויס מן המיצר אל המרחב,

איז בשעת מ'זעט די חסדים ואמה, איז אט דעמולט דא דער ענין פון "קטונתי", אז פריער איז ער געווען א "ישר בעיניו", און ס'איז געווען לאמיתתו של דבר אויך אזוי, ווארום ער איז געווען אין אן עולם שלמטה מזה פון דארטן פון וואנענט עס קומט דער "חסדים ואמה";

וויבאלד אז מ'פארבינדט אים מיט א העכערן מעמד ומצב אין גילוי אלקות - איז אט דעמולט ווערט דער ענין וואס פריער איז געווען אן ענין ישר - ווערט דאס דארטן אן ענין פון חטא און עס ווערט אן ענין של "חייבים".

וואס אט דערפאר איז ניטא די ענינים אין אלע אנדערע ברכות, אין ברכות הנאה צי אין ברכות הודי' - מערניט ווי אן ענין וואס נעמט אים ארויס פון א סכנה און שטעלט אים אוועק אין א מרחב, וואס דאס ברענגט אדויס א קרבן תודה,

און ווי עס שטייט דאך, אז דער ענין "הגומל" איז דאס א זאך וואס איז ע"ר ווי ס'איז געווען דער קרבן תודה בזמן שביהמ"ק הי' קיים,

איז דערפאר מאנט דאס ביי אים ארויס א התבוננות במעמדו ומצבו, אז די פריערדיקע ענינים וואס זיינען געווען בסדר, כדבעי, איז דאס איצטער ווערט דאס אן ענין של חטא, ווארום ער שטייט "קמי' מלכא", און דער אויבערשטער האט זיך פאר אים אנטפלעקט מיט א נייעם גילוי.

וואס דערפון קומט דערנאך אראפ בענינים שלמטה אויך, ביז אין דיבור, ביז אין אן ענין של פרהסיא, וואס עס דארף דאך זיין בפני עשרה,

און ווי גערעדט אין פריערדיקע עטלעכע מאל, אז בשעת מ'זאגט דאס בפני עשרה איז דאס איז דער ענין בפרהסיא ברוחב ככל האפשרי, ווארום ס'איז מער "פרהסיא" ניט פון עשרה, כאטש עס קען זיין א חילוק בעומק, אבער ניט דער חילוק ברוחב - דאס נעמט ארום כל כדור הארץ,

איז אט דאס איז אויך דער ענין פון "גומל", וואס עס דארף זיין בפני עשרה, און דאס נעמט ארום דעם ענין פון "טוב", ובמילא פועל'ט דאס ביי אים אז ער הויבט אן באטראכטן און כאפט זיך אז דאס איז א מעמד ומצב פון "לחייבים".

וואס עפ"ז איז דאך די קשיא אבער נאך א גרעסערע: האט מען דאך אין א ברכת הנס עאכו"כ געדארפט זאגן דעם ענין פון "לחייבים", ווארום דער ענין פון נס איז דאך דאס נאך מערער ווי דער ענין פון גומל,

וואס די ד' ענינים אויף וועלכע מ'איז מחוייב בגומל, איז דאך דאס די התחלה מהם ניט אין אן אופן פון נס, ווארום אט דער וואס ער איז פורש

לים, "יורדי הים באניות", און דערנאך איז ער עולה ליבשה, איז דאס ניט אן ענין של נס גלוי וואס אויף דערויף קען מען מאכן א ברכה הנסים,

עד"ז אויך אט דער וואס ער איז "הולכי מדבריות", און ער איז געקומען בשלום, איז דאך דאס אויך ניט אן ענין של נס בגלוי וואס ער איז מחוייב בברכת הנסים,

וואס דערפאר איז דאך, ווען זאגט מען ברכת הנסים, איז דאך, ווי די משנה זאגט אין ברכות, איז דאס ווען מ'זעט די "מעברות הירדן", ועד"ז |נחל| ארנון וכיו"ב, אבער ניט דעם עצם ענין פון הליכה במדבר,

ועד"ז אויך אין דעם ענין פון חולי, איז דאך דער דין אז "רוב הולים לחיים", און דאס איז דאך א הלכה אין הורה, במילא אז ער בלייבט בחיים איז דאס ניט קיין ענין של נס,

דערפון איז דאך אויך פארשטאנדיק, אז דער ענין פון "יושב בבית האסורים", איז וויבאלד אז דאס איז אין דעם זעלבן סוג פון די דריי - איז דאך אויך די יציאה מבית האסורים להפשי ניט אן ענין של נס.

ובפרט נאך, אז דער אלטער רבי פסק'נט דאך, אז אפילו הי' חבוש על עסקי ממונות נאר "בחבלי ברזל" איז ער אויך מחוייב בברכת הגומל, כאטש אפילו קיין סכנת נפשות איז אין דערויף ניטא, במילא ווען ער דאך ארויס-סוכ"ם לחפשי.

איז דאך לכאורה, מצד דעם טעם וואס מ'זאגט אז "הגומל להייבים טובות" איז דורך דערויף וואס ער האט געזען א גרעסערן "חסדים ואמת" ווערט ביי אים אן ענין וואס ער באטראכט זיך פאר א "חייב", האט דאך דאס במכ"ש וק"ו געדארפט זיין אזוי ווען ער זעט א גרעסערן "חסד ואמת" - ווי דאס איז ביי אן ענין של נס!

קען מען זאגן אויף דערויף דעם טעם, אז ברכת גומל איז שייך מערניט ווי ביי א יחיד: דאס איז ניט אן ענין של ברכת <u>הציבור</u>, דאס איז אן ענין פון ברכת <u>היחיד</u>.

דאס הייסט, אז אפילו אז עס וועלן זיין כו"כ יחידים אין אן אופן וואס "הולכי מדבריות" אדער "יורדים בים וכיו"ב - איז ווערן זיי מחוייב אין דער ברכה ניט אלס א <u>ציבור</u>, נאר יעדער יחיד <u>בפני עצמו</u> איז מחוייב אין דער ברכת גומל.

דער ענין פון ברכת הנס איז דא אויף צוויי אופנים:

ס'איז דא א נס שנעשה ליחיד און ס'איז דא א נס וואס נעשה לרבים, איז אט דעמולט איז דאס א נס וואס איז פארבונדן מיט א ציבור.

און דאס איז ניט . . . א צופעליקע פארבינדונג, אז מ'זאל זאגן אז דאס איז א סאך <u>יחידים</u> וואס פון זיי שטעלט זיך צוזאמען א רבים -

ס'איז דאך דא אזוינע נסים וואס מצד זכיות היחיד וואלט דער נס ניט געווען; פארוואס איז דער נס געווארן - דערפאר וואס ס'איז געווען דערביי א רבים,

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז אויך די <u>הודי'</u> קומט דאס מצד זכות <u>הרבים</u>, ניט מצד זכות היחיד.

און אויף בײדע נסים איז דער זעלבער נוסח פון "שעשה נס".

אט דאס וואס מ'קען זאגן "לחייבים" - קען מען דאס זאגן ווען עס רעדט זיך וועגן א <u>יחיד</u>; ווען עס רעדט זיך וועגן א <u>רבים</u>, איז אין וואס פאר א מעמד ומצב כלל ישראל זאל זיך נאר געפינען - איז דאך אט דעמולט ידוע דער עונש, אז אפילו אט דעם וואס מ'האט אויסגעקליבן פאר א נביא, און ער האט געזאגט שלא בנביאות דעם לשון אויף אידן אלס א כלל, אז "בתוך

עם טמא שפתים אנכי יושב" - איז ער דערפאר נענש געווארן,

וואס ישעי' האט דאך געזען דעם מעמד ומצב ווי ער איז לאביהתו, האט ער דאך זיכער ניט געזאגט א זאך וואס האט ניט קיין אחיזה במציאות -

אבער זאגן אויף כלל ישראל אזא ענין פון "טמא שפתים" וכיו"ב - איז דאס היפך רצון הבורא, |און| וויבאלד אז דאס איז היפך רצון הבורא - קען דאס ניט זיין במציאות.

וואס דערפאר איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעת מ'איז מתקן א נוסח וואס איז מערניט דא |ווי| בא יחידים, איז אט דעמולט א יחיד קען אויף זיך זאגן, און ניט נאר ער קען, נאר עס דארף זיין דער "קטונתי מכל החסדים ומכל האמה" - עס דארף אזוי זיין, איז דערפאר איז דארטן גייט דאס אריין אין דער ברכה דער ענין פון "לחייבים";

בשעת ס'איז דא א נוסחא וואס זי איז אויך פאר כלל ישראל, וואס דעמולט טאר מען דאר ניט זאגן אויף כלל ישראל דעם ענין פון "לחייבים", איז דער זעלבער נוסח געבליבן אויף כל ענין הנסים, אויף ניט מחלק זיין אין דעם נוסח הברכה ווי זי איז פאר אים.

א) וואס אין דערויף בלייבט נאך אבער נאך א קשיא: אויב אזוי שטארקע), ווי איז דאס געקומען צו יעקב'ן דער ענין וואס ער האט געזאגט אויף א נס "קטונתי מכל החסדים ומכל האמת"? ביי אים איז דאך געווען דער ענין פון א נס, "כי במקלי עברתי", וואס דאס איז דאך דער ענין וואס דער ירדן האט זיך געשפאלטן, ווי די רז"ל דערציילן, און ער האט אויף דערויף געזאגט דעם ענין פון "קטונתי"?!

איז דאס אויך פארשטאנדיק, אז דאס איז געווען דער ענין קודם מ"ת, וואס קודם מ"ת איז דעמולט ניט געווען די מציאות פון כלל ישראל; דאס איז געווארן בשעת מ"ת:

די אבות איז דאך "קיימו האבות כל התורה כולה", אבער דאס וואס זיי האבן מקיים געווען - האבן זיי דאס מקיים געווען אלס יחידים,

וואס דערפאר איז דאך אויך דא חילוקים, אין ראשונים און אין אחרונים, אז לדעת כמה איז דאס געווען מערניט ווי אין ארץ ישראל, און דערנאך איז געווען כמה ענינים וואס איז געווען באופן אחר, ובכל אופן - דאס איז ניט געבליבן א רושם אין די דברים גשמיים, כמבואר הענין בארוכה;

אויב זיי וואלטן דאס מקיים געווען אלץ א כלל - וואלט דאס משנה געווען די מציאות העולם, ווארום דער כללות מציאות העולם נעמט זיך דאך פון כללות פון בני ישראל, דער "בראשית - בשביל ישראל שנקראו ראשית", איז בשעת עס ווערט א שינוי אין כלל פון דעם ממוצע, "בשביל ישראל", און דאס ווערט אן ענין של תורה ומצוות - מוז דעמולט ווערן א שינוי אין דעם מסובב, וואס דאס איז דער עולם וסדר השתלשלות.

וויבאלד אז די אבות האבן מקיים געווען די תורה אלס יחידים, ניט אלס כלל ישראל, כאטש אפילו דעמולט איז געווען דער "אחד הי' אברהם", און עד"ז איז אך "שופרי' דיעקב מעין שופרי' דאדם הראשון", וואס אין אים זיינען געווען כלול די אלע נשמות של כל בני ישראל עד סוף כל הדורות ע"ד ווי ס'איז געווען בא אדה"ר -

אבער . . . . דאס איז ניט געווען דער קיום המצוות אלס א ציבור, אלס כלל ישראל - דאס האט זיך אויפגעטאן ביי מ"ה, וואס דעמולט איז געווען דער "ויחן" לשון יחיד, ס'איז געווארן די מציאות פון חיבור ישראל ווי איין זאך, און אט דאס האט בענומען תורה דא למטה.

און אט דעמולט איז אויך נשלל געווארן די מציאות אז עס זאל זיין

דער כלל ישראל אין אן אופן פון "טמא שפהיים" - ווארום דעמולט וואלט בטל געווארן די מציאות העולם:

די מציאות העולם נעמט זיך פון א אידן, איז בשעת ס'איז ניטא ביי אידן בינהיים אן ענין וואס זאל זיין כפי רצון הבורא - איז דעמולט, אויב ניט רצון הבורא ווערט בטל סדר השתלשלות.

אט דאס וואס עולם ווערט ניט בטל בשעת פלוני א־ער פלוני איז עובר על ענין שבתורה ומצוותי' - דערפאר וואס ס'איז דא א צווייטער וואס ער פירט זיך כרצון הבורא, האט די וועלט א מציאות, דורך דעם צינור ווערט נמשך רצון הבורא, "דין הניין לי'", מציאות העולם;

בשעת עס זאל אבער זיין די גאנצע מציאות פון בנ"י ניט ח"ו כפי הרצון - ווערט בטל דער דבר המחבר די בריאה מיטן בורא - ווערט בטל די בריאה.

וואס אט דאס איז דאך וואס די גמרא און מדרשים זיינען מסביר, אז עס וועט אלעמאל מוזן זיין צדיקים וואס זיי זיינען "יסוד עולם", וואס לולי זאת איז ניטא די מציאות פון עולם והורה.

וואס אט דאס איז אבער געווארן לאחר מ"ת, וואס דעמולט איז געווארן דער "יום השישי", מיט א ה"א, אז "אם לא בריתי יום ולילה" איז "חוקות שמים וארץ לא שמתי"; די גאנצע מציאות פון וועלט נאך מ"ת איז געווארן בגלוי מצד "בריהי יומם ולילה" - דארף זיין איינער א איד, אדער ווי די גמרא רעכנט דארט אוים א מספר פון למ"ד, צי ל"ו, צי די כמה מספרים וואס ס'איז דא בזה, וואס זיי פירן זיך כפי הרצון, דעמולט איז דער עולם במציאות, ניט קיין תוהו ובוהו בפועל.

וואס דערפאר קען ניט זיין אין ברכת הנסים דער נוסח פון ענין פון "לחייבים",

משא"כ אבער בשעת ס'איז געווען קודם מ"ת, וואס דעמולט איז נאך ניט געווען דער "בריתי יומם ולילה", וואס אויף זיי האלט זיך דער "חוקות שמים וארץ", ווארום דעמולט איז געווען דער ענין אלס יחידים - איז דערפאר האט גע'פועל'ט דעם ענין פון "קטונתי מכל החסדים ומכל האמת".

וואס אט דאס איז אויך בהנוגע ווי גערעדט פריער אז יעדער ענין איז דאך א לימוד בתורה ועבודה, און ווי געזאגט אז דער ענין פון גומל איז, אז ער באטראכט זיך בא זיך אז דאס איז "הגומל לחייבים טובות" -

איז דאס איז אלץ ווען ער טראכט וועגן זיך; ווען עס קומט צוגיין בנוגע צו כמלא זיין די שליחות, אז עס זאל זיין "שגמלני טוב", ווי דער רבי איז מפרש אין דעם מאמר אויף מלמד זיין תורה און כפיץ זיין מצווה בעולם, קעי ער דאך טראכטן אז אפשר איז דער צו וועמען ער גייט אויך אין דעם סוג -

זאגט מען אים, אז דאס איז מערניט ווי אן ענין פון ברכת היהיר, וואס דארטן קען מען טראכטן "לחייבים";

בשעת עס קומט צוגיין צו זיין מקבל, אפילו אז דאס איז זיינער א מקבל און זיינער א מושפע - איז דאך אט דעמולט דא די אריכות וואס אין תניא, וואס ער איז מבאר דעם "והוי שפל רוח בפני כל אדם", און ווי ער זאגט "מאד מאד", צווייי מאל, "הוי שפל רוח" - אז דאס איז בפני כל אחד ואחד, אפילו ווען דאס רעדט זיך וועגן זיין מקבל און זיין מושפע.

און בשעת ער ווייס אז מצד כמה ענינים איז ער אין אן אופן פון "שפל רוח" - איז דאך קיין סתירה ניט אז פאר־זיך מאכט ער "הגומל לחייבים טובות

מגמלני טוב", און דערנאך גייט ער און איז משפיע מהון שמחה וטוב לבב פון דעם "טוב" וואס מ'האט אים געגעבן, אז דאס זאל אנקומען לכל מקום שידו מגעת, ומהון שמחה ובעין יפה.

וואס אט דעמולט איז דאך די ברכה אז "טוב עין הוא יבורך", און ווי דער בעל הגאולה והשמחה האט געזאגט, בשעה מ'האט געטיילט דארט פון זיינע משקה, פון זיינע מזונות, אז אויף דערויף איז געזאגט געווארן ווי ער זאגט אין מדרש אז "טוב עין הוא יבורך כי נתן מלחמו לדל" אז דאס גייט אויף יוסף'ן... וואס "הוא המשביר לכל הארץ"...

אט אזוי איז אויך פון די שמחה פון בעל הגאולה און בעל השמחה, וואס "נתן מלחמו לדל"... לכל הדורות שאחריו, עד ביאת משיח צדקנו בקרוב ממש - איז געגעבן געווארן ב"טוב עין"... וואס "הנותן בעין יפה נותן"... און מ'דארף דאס נאר מקבל זיין בלב נדיבה ובידים פתוחות,

און ווי גערעדט אמאל אז דער דין ביי א מקוה איז, אז ווען איז דאס "מים חיים", און ניט נאר דאס איז מחובר צו דעם מעין, נאר וואס דען ס'איז ווי די מים (דער מעיין?) איז נאך יוצאים מחוץ הימנו, ווי דער רמב"ם שרייבט, אז ער זאל אויך ווערן, בדוגמת הנותן, אויך אין אן אופן פון "טוב עין",

וואס אט דעמולט וועט זיין דער "הוא יבורך", אז "מי שגמלך טוב הוא יגמלך כל טוב סלה". לחיים, לחיים.

ניגנו ניגון הקפות.

אח"כ צוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "עסן עסט זיך וכו'". "כי אנו עמך כו'".

* * *

ג. וואס ע"פ המבואר, אז דער ענין פון "לחייבים" טראגט דאך דאס ארויס ביחוד ובהדגשה פון דעם "גמלני טוב",

ע"ד ווי דער אלטער רבי איז מפרש אין "קטונתי", אז פון וואס איז געווארן דער "קטן בעיניו" - "מכל החסדים ומכל האמת" -

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז ע"ד ווי ער איז מפרש אין אגה"ק "קטונתי", אז דאס איז דוקא ביי אידן אזוי, משא"כ בא ישמעאל'ן, ובכלל בא אוה"ע, איז פארקערט: מצד די חסדים וואס מ'איז זיי משפיע איז דאס מוסיף ישות וגאוה - היפך פון "קטונתי",

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז אין "הגומל לחייבים טובות" איז באווייזט דאס, אז וויבאלד אז ער זאגט דעם נוסח הברכה ע"ד פון "קטונתי", אז ער איז ארויס פון דעם סוג וואס די גמילת טוב קען ביי אים ארויסרופן א ישות ומציאות.

וואס ווי מ'זעט דאך, איז דאס דאך אפילו ניט נאר ביי אוה"ע; מ'דארף דאך האבן כמה באווארעניש'ן אז עס זאל ניט זיין דער ענין פון "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה",

ביז וואנענט אז ס'איז דאך דא א דיעה אין מוני המצוות (סמ"ג), וואס זיי רעכענען דאס אריין אין מנין המצוות, אז מ'דארף געדיינקען, "וזכרת", און ניט דורכפאלן אין דעם ענין פון "כוחי ועוצם ידי", אז מ'זאל מיינען אז דאס האט ער אויפגעטאן מיט זיין כח; דאס הייסט אז דאס איז ביי אים מוסיף אן ענין פון מציאות און ישות.

וואס דאס באווייזט דאך, אז אפילו ווען ער געפינט זיך אין דעם סוג פון די ד' שמחוייבים להודות, נאך איידער ער האט געמאכט די ברכה - איז ער

פון די ד׳ שכהוייבים להודות, נאך איידער ער האט געמאכט די ברכה - איז ער שוין א כלי מוכנה און ער איז עלול, אז בשעת מ׳וועט אים משפיע זיין דעם טוב וועט דאס אויף אים פועל זיין דעם ענין פון "קטונתי", דעם ענין אז ער וועט זיך באטראכטן אין דעם ענין פון "חייב", ניט אין דעם ענין פון "כוחי ועוצם ידי".

וואס דאס איז דאך מתאים ווי חסידות איז מבאר בנוגע צו א אידן, וואס אפילו אזא וואס חטא ופגם ועבר את הדרך, וואס אט דעמולט געפינט ער זיך דאך אין בית האסורים, וואס "רשע מכתיר את הצדיק", דער "צופה רשע לצדיק ומבקש", ווי די גמרא זאגט אז דאס גייט אויפן יצה"ר, איז ביי אים דער מעמד ומצב אז דאס איז "מכתיר את הצדיק", אז דאס איז, ווי ער איז מבאר די דרגות בזה אין תניא, וויפל דרגות קען אין דערויף זיין, ממטה מטה ביז העכער און העכער -

איז אפילו זיצנדיק בשבי׳ ובבית האסורים, איז דאך, ווי חסידות זאגט דעם לשון, איז "אינו דומה <u>בן מלך</u> הנמצא בשבי׳" ווי אן <u>אדם פשוט</u> און אן <u>עבד</u> הנמצא בשבי׳; אפילו זייענדיק בשבי׳, וויבאלד אז ער איז א בן מלך, איז זיצנדיק אין שבי׳ איז דאס אן אנדער מעמד ומצב.

וואס דערפאר איז מען בטוח, אז בשעת מ׳וועט אים גומל-טוב זיין, וועט דאס ביי אים ניט ארויסרופן ע"ד ווי ער זאגט אין אגה"ק דעם ענין ווי ס׳איז געווען בא ישמעאל׳ן, דער ענין פון "כוחי ועוצם ידי עשה לי", נאר פארקערט, אז בשעת מ׳איז זיי משפיע רוב טובה איז אט דעמולט איז "אתם ממעיטים עצמכם לפני", "כי אתם המעט מכל העמים", וואס דאס איז דער ענין פון "הגומל לחייבים" און דער ענין פון "קטונתי מכל החסדים".

וואס ס׳איז דאך אבער דא ביי אידן סתם קען דאך דאס זיין אין אן אופן בהעלם, וואס דערפאר איז ביי צדיקים, וועך רעדט נאך בא מנהיגים של ישראל, איז דאס אויך שטייט בגלוי.

דאס הייסט, אז אפילו ווען מ׳געפינט זיך בשבי׳, איז דעמולט ניט נאר אינו דומה בכח <u>בנפש</u>, נאר ס׳איז אינו דומה אפילו <u>בגלוי</u>.

וכידוע כמה סיפורים בזה פון דעם אלטן רבי׳ן, ועד"ז אויך - פון דעם בעל השמחה פון דעם רבי׳ן דעם שווער.

וואס ווי ער האט דערציילט, און מ׳ווייס דאך דאס, איז דער סדר אין בית האסורים, ובפרט אין יענער מדינה, אז מ׳דארף האבן א תמונה, א פאטא-גראפיע, פון דעם וואס ער איז יושב בבית האסורים.

וואס ס׳איז דער סדר אז ס׳איז דא זמנים וואס עס קומען צוגיין בשעת יענער איז יושב בכלא כדי צו נעמען די פאטאגראפיע.

אזוי ווי צי מ׳האט ניט געוואוסט די זמנים, צי זיי זיינען געקומען שלא בזמנים הגלויים,

און ווי דער רבי האט דערציילט, איז זייענדיק בבית האסורים האט ער געדאוונט באריכות און האט אויך געפאסט בכל יום פלעגט ער זיך ערשט אפ-פאסטן ביינאכט,

איז בשעת זיי זיינען געקומען נעמען די פאטאגראפיע - האט ער גע-האלטן אין מיטן דאוונען. און ער האט |דאך| געדאוונט באריכות ובהתבוננות - האט ער געטראכט וועגן יענעם ענין אין וועלכן ער האט דעמולט געדאוונט.

זיי, די וואס זיינען געקומען פאטאגראפירן, זיינען בכלל ניט געווען רגיל זען א אידן אין א טלית געפינט זיך דארטן און דאוונט, עאכו"כ - <u>נתפעל</u> ווערן דערפאר.

אבער פונדעסטוועגן האט דאס געמאכט אן איינדרוק, האט מען אים אנגע-הויבן, מ'האט אים דעמולט גענומען פאר דער האנט צי פאר'ן גוף, א שאקל-טאן אז ער זאל צו זיי זיך א קער-טאן, כדי מ'זאל קענען נעמען די פאטאגראפיע.

עס ווייזט אויס אז דעמולט האט דער רבי געהאלטן במקום שאסור להפסיק, און בכלל ניט געוואוסט וועגן וואס מ'איז געקומען אויך. און ער האט זיך א קער געטאן און געזען אז עס שטייען גוים מיט א קאמערא אויף פאטאגראפירן - האט ער א מאך-געטאן מיטן האנט, האבן זיי זיך דערשראקן און זיינען אנטלאפן.

- דאס איז געווען <u>אין שפאלערניע</u>, . בחדרו בכלא, וואס זיי זיינען געקומען מיטן שומר ביה האסורים אויף מאכן די פאטאגראפיע.

און בדיבור מפסיק |זיין| האט ער ניט געוואלט ווייל ער האט ניט געטארט, האט ער א מאך-געטאן מיטן האנט - זיינען זיי אוועקגעגאנגען.

און דערנאך, לאחרי זמן, איז מען געקומען נעמען די פאטאגראפיעס.

איז די וואס זיינען געווען מיט אים בחדרו, זיינען געווען ארויס פון די כלים: דעמולט איז נאך געווען בשעת מ'האט מורא-געהאט אויף חומר כל הדין בנוגע צו דעם עונש - האט דאס אויף זיי געמאכט א מורא'דיקן רושם, איז בשעת דער רבי האט געענדיקט דעם דאוונען האבן זיי אים מסביר געווען וועגן וואס זיי זיינען געקומען.

איז דערנאך אז זיי זיינען געקומען דעם צווייטן מאל, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן בענקל וואס געפינט זיך דארט בכלא, מיט דער יארמולקע, און האט ארויסגענומען פאנאנדערגעשפרייט דעם טלית-קטן מיט אלע ציצית, אז עס זאלן זיך זען ניט נאר די <u>פאדערשטע</u> צוויי נאר אויך די צוויי וואס זיינען בצד מערב,

און זיי האבן עפעס געפרואווט זיך דינגען, אז א פאטאגראפיע פון שפאלערניע איז ניט נוגע אז עס זאלן זיך זען ציצית אויך... האט ער געזאגט - אז מ'וויל אים פאטאגראפירן - דארף מען פאטאגראפירן ווי ער זעט אויס!

און מ'האט ארויסגענומען די פאטאגראפיע מיט די ציצית.

וואס אט דאס זעט מען, אז אפילו יושב בבית השבי', און ווי ס'איז דעמולט געווען א ממלכה אדירה,

ובפרט נאך ווי חסידות איז מבאר בארוכה, אז קודם שנתמלא סאתה, איז אט דעמולט איז אפילו קדושה רעכנט זיך אויך וויבאלד אז מ'האט געגעבן מלמעלה תוקף צו דעם-און-דעם ענין און ס'איז נאך ניט געקומען די צייט,

ביז וואנענט אז מ'זאגט, אז דער ערשטער נשיא בישראל, רעיא מהימנא, האט אויך מורא געהאט גיין צו פרעה, דערפאר וואס ער האט געוואוסט אז עס איז נאך ניט נתמלא סאתו, און ווי ער זאגט אין זהר אז ער האט געדארפט האבן א באזונדער הבטחה מהקב"ה וואס ער האט אים געזאגט "בוא אל פרעה" און דו קאנסט אהינצו גיין.

וואס עד"ז איז דאך אויך געווען, דעמולט איז דאך די מלוכה געווען בתקפה - די ראי' האט מען דאך, אז ס'איז דאך פון דעמולט דורכגעגאנגען אזויפיל יארן, פיר און דרייסיק יאר, און זיי שטייען נאך על כסא מלכותם, ביז בקרוב ממש וועט בטל ווערן -

איז דאך דאס דעמולט איז מען געשטאנען מיטן גאנצן תוקף, און ווי דער רבי נ"ע שרייבט אין אגה"ק הידועה בנוגע צו י"ט כסלו, אז ניט נאר די <u>עצמות</u>, נאר אויך די <u>התפשטות</u>, וואס דאס איז דאך דער ענין פון ציצית מיטן ט"ק.

און אין אזא אופן אז "וראו ממך", אז ס'איז גענוג אז מ'זאל א מאך-

טאן מיטן האנט - גייען יענע אוועק ניט דינגענדיק זיך אפילו.

וואס אט דאס איז אויך, ווי כל הענינים וואס מ'האט אונז איבער-געגעבן איז דאך אויך א לימוד און א הוראה, אז מ'דארף אפילו ניט נתפעל ווערן פאר אזא וואס, ווי די גמרא זאגט, אז "השעה משחקה לו", וואס דעמולט זאגט דאך די גמרא אז דער וואס איז ניט קיין צדיק גמור דארף זיך דערמיט רעכענען -

איז דאס במד"א אז ער גייט מערניט ווי מיט זיינע אייגענע כחות, בכלא איז ער א צדיק שאינו גמור, און דער צד שכנגד איז א רשע שהשעה משחקה לו - דארף ער דאס נעמען אין חשבון;

בשעה מ'גייט מיט א שליחות פון דעם נשיא בישראל, פון דעם בעל השמחה, וואס דאס איז דער ענין |פון| א צדיק גמור, און ער איז א שליח אמיתי, דאס הייסט, אז ניט ער גייט אריינברענגען זיינע קונצן און זיינע שינויים, וואס אט דעמולט איז דאך ידוע אין די דיני שליחות, ביז וואנענט אז עס קען זיין אן ענין אזא שינוי וואס איז, ח"ו, מבטל כל ענין השליחות, ער ווערט א דבר בפני עצמו,

נאר ער גייט אויספירן די שליחות -

איז דאך אט דעמולט שלוחו של אדם כמותו, גייט דער צדיק גמור, ווערט ער ניט נתפעל פאר אן ענין שהשעה משחקת לו, און ס'איז גענוג א מאך-טאן מיטן האנט, מיט א רמז בעלמא, אן איבעריקע אנשטרענגונגען, איז אט דעמולט "ויראו ממך",

ביז וואנענט אז דערנאך קומט ארויס די ענינים מיט ציצית, וואס די גמרא זאגט, אז דער ענין פון ציצית איז, אז "על כל כנף וכנף" וועלן קומען צוגיין זיבן הונדערט עבדים פון אוה"ע און זיי וועלן אים נעמען אויף זיך פאר א מושל עליהם,

וואס אט דאס איז אויך - דער ענין וועט זיין בגלוי לע"ל; דער ענין בפועל טוט זיך אבער אפ במשך זמן הגלות, ע"י עבודתינו, אז בשעת מ'טוט אפ אט דעם ענין, וואס ציצית איז דאך בגימטריא תרי"ג; ווי רש"י ברענגט אראפ פון מדרש תנחומא, אז ציצית איז בגימטריא ת"ר, און די חמשה קשרים און די שמונה חוטים -

איז דער ענין ההומ"צ פועל'ט אז כל הארץ כולה ווערט דאס כעבדים לפניו,

און דעמולט פירט ער אויס, אז דארטן זאל זיין דער "וזכרתם", ביז ווי דער סיום פון פרשת ציצית - "אני הוי' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים", פון אלע מיצרים וגבולים,

און דערנאך איז פון "הוצאתי אתכם מארץ מצרים" - בייט מען אוועק צו "אראנו נפלאות", אין דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בעגלא דידן.

ניגנו הניגון "זאל שוין זיין די גאולה" (בלי המילים).

* * *

ד. מ'האט גערעדט וועגן דער גאולה האמיתית והשלימה, וואס זי וועט זיין בעגלא דידן ע"י משיח צדקנו -

איז דאך פון די ערשטע ערטער אין תושב"כ, אין חומש, וואו עס רעדט זיך וועגן ענין המשיח - איז דאך דאס אין היינטיקער סדרה.

וואס דאס איז, "דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל".

"אחד"; עס האט דאך געקענט שטיין בלויז "חכם, רשע, תם ושאינו יודע לשאול", איז עד"ז במשנתנו:

צוליב וואס דארף שטיין "תורה קנין אחד שמים וארץ קנין אחד אברהם קנין אחד ישראל קנין אחד ביהמ"ק קנין אחד"; ס'וואלט דאך געווען גענוג ווען ס'שטייט: "(המשה קנינים קנה הקב"ה בעולמו ואלו הן:) תורה, שמים וארץ, אברהם, ישראל, ביהמ"ק"?

און ע"ד ווי מ'זעט אין דעם פרק גופא, אז ווען ער רעכנט אויס פריער (מ"ו) די "ארבעים ושמונה דברים" וואס התורה נקנית בהם, זאגט ער ניט "בתלמוד אחד, בשמיעת האזן שנים וכו'", נאר ער זאגט סתם "בתלמוד, בשמיעת האזן וכו'".

מען קען ניט ענטפערן אז דאס וואס ער זאגט אין אונזער משנה ביי יעדער קנין דעם מספר איז ווייל אילולא זאת וואלט מען ניט געוואוסט צי שמים וארץ זיינען איין קנין צי צוויי, ווייל נוסף לזה וואס צווישן שמים וארץ איז דאך דא א וא"ו המוסיף וואס דערפון איז מובן אז דאס איז איין קנין, איז נוסף לזה:

אין דער משנה וואו מ'דערכנט אויס די ארבעים ושמונה דברים שהתורה נקנית בהם, זיינען דא לפועל איבער פופציק זאכן, און מפרשים מאטערן זיך וועלכע פון די זיינען איין זאך, כדי ס'זאל טאקע זיין מ"ח דברים;

איז לפי ביאור הנ"ל - וואלט דאך געהאט אן ארט ס'זאל דארפן שטיין דער מספר פון יעדער זאך, כדי מ'זאל וויסן וואס זיינען די מ"ח דברים, און אעפ"כ שטייט דאס ניט, איז מזה מובן במשנתנו, אז ניט דאס איז דער טעם הדבר פארוואס שטייט "קנין אחד" אויף יעדער זאך.

וכפי שיתבאר לקמן.

כז. כאן המקום לבאר אן ענין תמוה בנוגע די מאמרים וואס דער רבי בעל השמחה והגאולה האט געזאגט בקשר מיט י"ב-י"ג תמוז.

וואס כמדובר לעיל, איז דער מאמר וואס ער האט געזאגט אנקומענדיק קיין פעטערבורג בסעודת הודאה, איז געווען ד"ה שאו ידיכם קודש וברכו את ה' (נדפס בסה"מ קונטרסים ח"א קפח, א ואילך).

איז לכאו' ניט מובן: וואס איז דער קשר פון תוכן המאמר מיט דער גאולה? - דאס וואס ער האט געזאגט לפנ"ז דעם מאמר ד"ה ברוך הגומל (נדפס שם קפג, א ואילך. קפד, ב ואילך), איז מובן, ווייל דעמולט איז דאך געווען דער ענין פון "שגמלני טוב"; עד"ז איז מובן וואס ער האט געזאגט (בי"ב תמוז) דעם מאמר ד"ה ה' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי - ווייל דער ענין הגאולה מן המאסר איז פארבונדן מיט "אני אראה בשונאי", און דאס קומט דורך "ה' לי בעוזרי"; ס'איז אבער ניט מובן דער קשר פון דעם מאמר ד"ה שאו ידיכם קודש וברכו את ה' צו דער גאולה?

ובפרט אז ער טייטשט אויס אין דעם מאמר דעם פסוק "שאו ידיכם קודש" ניט ווי ס'איז מפורש אין לקו"ת (שה"ש כא, ג ואילך), אז "ידיכם" מיינט יחו"ת ויחו"ע, יד ימין ויד שמאל, און ס'דארף זיין די עלי' אין "קודש", עתיק, וואס דארטן איז "לית שמאלא בהאי עתיקא" (זח"ג קכט, א), ד.ה. אז דארטן זיינען ביידע ידים בבחי' ימין - וואס לפי פי' זה וואלט געווען מובן דער קשר מיט דער גאולה;

אבער אין דעם מאמר איז ער מבאר אז "שאו ידיכם קודש" רעדט זיך וועגן בירור הכדות - איז לכאו' ניט מובן וואס איז דער קשר פון דעם מאמר מיט דעם ענין הגאולה?

- ואע"פ -

ואע"פ אז אין סוף מאמר ברענגט ער די אגה"ק (ס"ב) וואס דער אלטער רבי האט געשריבן בצאתו מפעטערבורג "קטנתי מכל החסדים וכו׳", אז די הנהגה דארף זיין אין אן אופן פון "לא להרחיב עליהם פה או לשרוק עליהם ח"ו" - איז דאך דאס גופא דורש ביאור, דער קשר פון דעם ענין להמדובר אין דעם גאנצן מאמר;

ווארום אע"פ אז אין מאמר רעדט זיך טאקע וועגן בירור המדות, און דאס איז אויך דער ענין וואס רעדט זיך אין אגה"ק "קטנתי" - איז דאך אבער דא נאך בכ"מ וואו עס ווערט מבואר דער ענין פון בירור המדות, אנהויבנדיק פון די דרושים פון ספירת העומר (דאה סידור דרושי ל"ג בעומר שג, ד ואילך. ובב"מ), וואס דער ענין פון ספירת העומר בפשטות איז דאך דער ענין פון בירור המדות ווי יעדערע פון זיי איז כלול מכולם, און דערנאך קומט מען צו יום החמשים, וואס דאס איז די העלאה פון די מדות און מוחין;

איז לפי"ז ניט מובן: פארוואס הויבט ער אן דעם מאמר מיט "שאו ידיכם קודש" דוקא - דער ענין פון בירור המדות: איז דאך ניט פארבונדן מיט דעם ענין פון "שאו ידיכם קודש" דוקא, ובפרט אז ס׳איז דא דער פי׳ הנ"ל אין לקו"ת; דער ענין פון בירור המדות רעדט זיך בכ"מ בנוגע צו דעם ענין פון ספירת העומר, איז פארוואס הויבט ער אן מיט "שאו ידיכם קודש"?

כח. עד"ז דארף מען פארשטיין אויך אין דעם מאמר ד"ה ברוך הגומל לחייבים טובות:

אין דעם מאמר איז ער מבאר, ווי גערעדט פריער (ד"ה זה די"ב תמוז), פארוואס דארפן די ארבעה שצריכים להודות זאגן "הגומל לחייבים טובות", משא"כ ביי ברכת הנסים זאגט מען סתם ברוך שעשה לי נס וכו׳ במקום הזה -

ווייל דער ענין פון די ארבעה שצריכים להודות, חולה שנתרפא, וחבוש שיצא מבית האסורים, יורדי הים כשעלו, והולכי דרכים (מדבריות) כשיגיעו לישוב, איז דאס אין אן אופן אז זיי זיינען "חייבים", ווארום דעמולט פעלט זיי אין תורה ומצוות; משא"כ דער ענין הנס איז לאו דוקא פארבונדן מיט אן ענין של חסרון אין תומ"צ, ואדרבה: אין דעם נס פון אונזער פרשה בסופה רעדט זיך גאר וועגן פנחס׳ן וואס ס׳איז געווען אין אן אופן "בקנאו את קנאתי" (פנחס כה, יא).

איז לכאו׳ ניט פארשטאנדיק: דא רעדט זיך דאך וועגן דעם נשיא הדור, איז דאך ח"ו צו זאגן אז ביי אים האט געפעלט אין תומ"צ בעת ער איז געווען אין מאסר;

ואדרבה: דייענדיק אין מאסר גופא האט ער דאך מכריז געווען אז "לה׳ הארץ ומלואה" איז אומעטום, אויך אין דעם ארט, און האט דאס געזאגט אין אן אופן אז אלע וואס זיינען געשטאנען ארום אים האבן דאס געהערט, און אויך צו די אינם יהודים האט מען איבערגעזעצט אויף זייער שפראך וואס דאס מיינט, וואס דאס איז געווען די התחלה פון הפצת התורה והיהדות דייענדיק אין מאסר גופא - איז ווי איז דאס שייך צו אנרופן "הגומל לחייבים טובות"?!

כט. קען מען זאגן דעם ביאור בזה בדרך אפשר - וואס דאס וואס דער רבי האט דאס ניט געזאגט, קען מען זאגן אז דאס איז מצד גודל הענייות שלו - ובהקדים:

ס׳איז ידוע די שאלה, פארוואס איז דער ענין פון אמירת תחנון לאחר

- תפלת -

תפלת שמונה עשרה דוקא – ס׳איז דאך פריער דא דער ענין פון "הודו לה׳", דער ענין פון הודאה, אז ער פארשטייט נאך ניט בהבנה והשגה נאר ער איז מודה; דערנאך איז דא דער ענין פון פסוקי דזמרה, "הללו את ה׳ מן השמים גו׳", וואס דעמולט שטייט ער אין א מעמד ומצב ווי מ׳דארף שטיין אין פסוד"ז; דערנאך זאגט מען ברכות ק"ש, וואס דעמולט איז די העלאה פון דעם נפש הבהמית לשרשה אין די אופנים וחיות הקודש; דערנאך איז דא דער ענין פון קריאת שמע; דערנאך איז דא תפלת העמידה וואס דעמולט דארף מען שטיין "כעבדא קמי מרי׳", און עס טאר ניט זיין רמיזה בעיניו און קמיצה בשפתיו כו׳, מ׳טאר ניט מפסיק זיין אפי׳ דארט וואו מען מעג מפסיק זיין ביי קריאת שמע –

איז ווי קומט דאס אז ערשט לאחרי כ"ז כאפט מען זיך זאגן תחנון; לכאו׳ האט מען געדארפט זאגן תחנון נאך איידער מען קומט צו "הודו", בשעת די התבוננות פון "דע לפני מי אתה עומד"?!

זיינען אין דערויף פאראן צוויי ביאורים (ראה בכ"ז: תו"א קיא, ד. לקו"ת בהעלותך ל, ב. סידור רפג, א. סה"מ תרנ"ט ע׳ קנז. תש"ד ע׳ 99. ובכ"מ):

איין ביאור איז, אז וויבאלד "על כל פשעים תכסה אהבה" (משלי י, יב), איז כל זמן ער האלט פאר תפלת העמידה, איז אהבת עצמו מכסה אויף די פשעים וואס ער האט; אבער בשעת ער קומט צו דער שלימות פון תפלת העמידה, איז דעמולט אהבת עצמו ניט מכסה, און ער כאפט זיך אז ס׳איז דא ביי אים "פשעים" – און דעריבער שטעלט ער זיך זאגן "תחנון".

ס׳איז אבער דא א צווייטער ביאור וואס ער איז דקות׳דיקער און געשמאקער – און דאס איז:

דא רעדט זיך ניט וועגן פשעים, נאר דא רעדט זיך וועגן אזעלכע ענינים, וואס בשעת ער האלט ביי "הודו", אין עולם העשי׳, איז דאס גאר קיין חטא ניט; נאר בשעת ער קומט צו עולם היצירה, איז לגבי מצבו זה איז דאס אן ענין של חטא.

ועד"ז למעלה יותר, אז פאר דעם וואס ער האלט ביי תפלת העמידה, איז דאס ניט קיין ענין של חטא; בשעת אבער ער קומט צו תפלת העמידה, דעמולט כאפט ער זיך אז זיין מעמד ומצב שלפנ"ז איז אן ענין של חטא, און דעריבער זאגט ער תחנון.

ל. דוגמא לדבר: די משנה זאגט אין פרקי אבות (פ"ג מ"ז): "המהלך בדרך ושונה, ומפסיק ממשנתו ואומר: מה נאה אילן זה . . מעלה עליו הכתוב כאלו מתחיב בנפשו".

וואס דער ענין פון זאגן "מה נאה אילן זה" איז במצב אחר גאר אן ענין טוב, און מ׳דארף אויף דעם זאגן א ברכה "ברוך שככה לו בעולמו" (סדר ברכת הנהנין פי"ג הי"ב); אבער בשעת ער האלט אין מיטן לימוד התורה, און ער איז מפסיק ואומר "מה נאה אילן זה", איז דאס אן ענין פון היפך החיות, ווארום בשעת ער לערנט תורה דארף ער גאר ניט זעהן אז אין זיין וועלט זיינען דא אילנות וכו׳, איז בשעת ער איז מפסיק אין מיטן דעם לערנען תורה וואס "היא חיינו", איז דעמולט ווערט א הפסק אין זיין חיות.

במה דברים אמורים – אויב ער האלט אין מיטן לערנען תורה: אויב אבער, מאיזה סיבה שתהי׳, לערנט ער ניט קיין תורה בעת ער איז מהלך בדרך, איז אדרבה: ער דארף זעהן די אילנות וואס אויפן וועג, כדי ער זאל זיך אין זיי ניט אריינקלאפן, און עס דארף זיין "אל תרגזו בדרך" (ויגש מה,

- (כד) -

כד), און דעמולט זאגט מען אז בשעת ער איז "יוצא בימי ניסן ודואה אילנות שמוציאין פרח" - דארף ער מאכן א ברכה (סדר ברכה"נ שם הי"ד).

וואס דא זעט מען אז עס ווענט זיך אין זיין מצב: בשעת ער האלט ניט אינמיטן לערנען, איז דאס א גוטע זאך, און ער דארף אויף דעם מאכן א ברכה; בשעת אבער ער האלט אינמיטן לערנען, איז דאס פארבונדן מיט היפך החיות שלו.

עד"ז איז די דוגמא פון אכילה: בשעת א איד עסט חולין, קען מען דאך ניט מאנען פון אים אז אכילתו זאל זיין אזוי ווי א עולה וואס כולה כליל לה׳, מ׳קען בלויז מאנען ס׳זאל זיין אזוי ווי קדשים קלים וכו׳;

בשעת אבער ער עסט א חטאת וואס דאס איז קדש קדשים - און ער וועט דאס עסן ווי ער עסט חולין, אפי׳ תכלית השלימות אין אכילת חולין, איז דאס שלא כפי הכוונה.

און ס׳איז דאך מובן אז ס׳איז דא א חילוק צווישן די אכילה פון חולין - אפי׳ בתכלית השלימות שלהם, מיט מעשר, קדשים קלים און קדשי קדשים;

ביז ס׳איז דא נאך העכער דערפון - אז ער עסט אינגאנצן ניט, ובדוגמא ווי ס׳איז געווען ביי משה רבינו, אז ניט קוקנדיק אויף גודל הענין פון זיין אכילה ושתי׳ - איז בשעת ער האט מקבל געווען די תורה, איז דעמולט "לחם לא אכל ומים לא שתה" (תשא לד, כח).

מיט נאך כמה דוגמאות וואס זיינען דא בזה.

לא. דערפון וועט מען פארשטיין אויך בעניננו:

דער ענין פון ברכת הגומל איז פארבונדן מיט דעם ענין פון אתהפכא, כמובן דערפון וואס די גמ׳ זאגט אין ברכות (נו, סע"ב) אז הדואה "גמל" (מל׳ הגומל) בחלום, איז א ראי׳ אז ס׳איז געווען אויף אים א גזירה "והצילוהו ממנה", ד.ה. ס׳איז אן ענין פון אתהפכא, אז ס׳איז געווען אן ענין בלתי רצוי וואס מ׳האט עס מהפך געווען.

וואס דורך דעם ענין פון אתהפכא קומט דאך צו א עילוי מיוחד וואס איז ניט געווען לפנ"ז - און אויף דערויף זאגט מען אז ביחס צו דעם עילוי איז דער מצב שלפנ"ז אין אן אופן פון "חייבים".

און ע"ד ווי ס׳איז ידוע וואס דער רבי נ"ע האט געזאגט (תו"ש ע׳ 26) בנוגע צום מאסר פון אלטן רבי׳ן, אז אע"פ וואס ס׳איז שווער צו זאגן אזוי, לייגט זיך אבער צו זאגן אז דער עיקר ענין פון "יפוצו מעינותיך חוצה" האט זיך אנגעהויבן נאך פעטערבורג, און האט געבראכט אויף דעם דעם מארז"ל (מנחות נג, ב. וראה שבו"ר פל"ו, א) "מה הזית הזה כשכותשין אותו מוציא שמנו כו׳", וואס דערפאר האט מען געזעהן לפועל אז די מאמרים וואס נאך דעם מאסר וגאולה פון פעטערבורג זיינען געווען מערער באריכות און בהסברה וכו׳ (ראה תו"ש ע׳ 114);

איז עד"ז אויך בנוגע צום רבי׳ן כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז דוקא נאכן מאסר אין פעטערבורג מיטן גלות אין קאסטראמא, איז דערנאך ארויסגעקומען ע"י הגאולה א תוספת אין הפצת התורה והיהדות במדינה ההיא, ביז אז שמחת תורה פארן ארויספארן פון דארטן (תרפ"ח) האט ער מכריז געווען אז יעצט דארף זיין די התעסקות אין הפצת היהדות ביתר שאת וביתר עז (ראה ג"כ ספר התולדות מוהריי"צ ח"ג ע׳ 232 ואילך); און דערנאך ווען ער איז ארויס פון דעם בית האסורים הגדול, וואס דאס איז כל המדינה ההיא, האט זיך דעמולט אנגעהויבן דער ענין ההפצה בכל העולם כולו.

- איז -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

איז וויבאלד אז ער איז געווען ממלא מקומו פון דעם אלטן רבי'ן, און ער האט דאך געהערט פון זיין פאטער – וואס ער איז אויך געווען ממלא מקומו פון דעם אלטן רבי'ן – אז נאך פעטערבורג איז ביים אלטן רבי'ן געווארן א עילוי באי"ע לגבי ווי ס'איז געווען לפנ"ז,

האט ער דערפון פארשטאנען אז דאס איז אויך בנוגע צו אים (ממלא מקומו פון אלטן רבי'ן) – און דערפאר האט ער געזאגט דעם ענין פון "הגומל <u>לחייבים</u> טובות", ווייל ביחס צו דעם עילוי וואס איז צו אים צוגעקומען לאחר המאסר והגאולה, איז דער מצב שלפנ"ז אן ענין פון "חייבים".

און דאס איז דער חילוק פון דעם ענין פון "הגומל" מיט ברכת הנסים: דער ענין פון א נס, איז לאו דוקא אז דאס דארף זיין פארבונדן מיט אתהפכא, מהפך זיין דעם מצב בלתי רצוי גופא, עס קען זיין ווי די נסים וואס זיינען געווען מיט פנחס'ן (בלק כה, ח ובפירש"י. סנהדרין פב, ב), ווי ס'שטייט אין הזב"ע (עה"פ) אז ס'איז געווען י"ב נסים, אדער ווי די גמ' (שם) זאגט אז ס'איז געווען ששה נסים, וואס דאס איז געווען נאר כדי ער זאל ניט זיין בסכנה און זאל בלייבן טהור וכו';

עד"ז דער נס פון קרי"ס – איז חסידות מאכט פון דעם טאקע א גאנצן שטודעם, אז ס'איז געווען "הפך ים ליבשה" (תהלים סו, ו) וכו'; אבער בפשטות הענין – איז אויב ס'וואלט לכתחלה ניט געווען קיין ים נאר יבשה, וואלטן דאך אידן אויך געקענט דורכגיין, ועד"ז בשאר נסים, אז דאס איז בלויז אן ענין פון הצלה, אבער עס טוט זיך ניט אויף קיין ענין מיוחד;

משא"כ דער ענין פון הגומל איז, אז מ'איז מהפך דעם ענין בלתי רצוי גופא, ער זאל ווערן לטוב, וואס דאס איז דער עילוי פון אתהפכא, און דערפאר זאגט מען דעם ענין פון "לחייבים", ווארום מצד דעם עילוי צו וועלכן ער איז געקומען, איז דער מעמד ומצב שלפנ"ז אן ענין פון "חייבים".

לב. דערצו קומט צו נאך א דיוק אין דעם ענין פון "הזית הזה כשכותשין אותו מוציא שמנו":

דער פשט דערפון איז דאך, אז אויך פאר דעם וואס מ'איז כותש דעם זית איז אין אים דא שמן, נאר דער חילוק איז אז בשעת דער שמן איז אין דעם זית, איז ער ניט מפעפע בכל דבר, און ווי מ'זעט בפועל אז בשעת מ'לייגט אריין א זית אין אן אנדער מאכל איז דער שמן שבו ניט מפעפע;

משא"כ בשעת מ'איז כותש דעם זית, און דער שמן גייט ארויס פון דעם זית – דעמולט איז ער מפעפע בכל דבר. און ווי ס'זיינען דא די דינים בזה (בנוגע צו שמן בלתי רצוי אין שו"ע יורה דעה סי' קה ס"ה).

און דאס איז געווען דער אויפטו פון י"ב תמוז, אז דורך דעם מאסר והגאולה האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון "מפעפע בכל דבר", אז דער ענין פון הפצת התורה והיהדות איז אנגעקומען בכל מקום, נאך מערער ווי ס'איז געווען לפנ"ז.

לג. ווי גערעדט כמ"פ איז דאך דער עיקר – די הוראה במעשה בפועל:

וויבאלד מ'האלט ביי י"ב תמוז, און בפרט לאחר שנת היובל, וואס ער זאגט דאך אז דער יובל איז פארבונדן מיט "וקראתם דרור בארץ" (בהר כה, י), ווארום "בר חורין ביובלא קא אתי", דער ענין ההירות, און ס'הויבט זיך אן א נייער יובל

דארף זיין די פעולה אין הפצת התורה והיהדות ביתר שאת וביתר עוז, אנהויבנדיק פון די מבצעים: מבצע אהבת ישראל, מבצע חינוך, מבצע תורה,

- מבצע -

מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה, מבצע בית מלא ספרים יבנה וחכמי׳, מבצע נרות שבת קודש, כשרות האכילה ושתי׳ און טהרת המשפחה.

(חסר קצת) און פון פ׳ בלק קומט מען צו פ׳ מטות-מסעי, אז מ׳קומט אין עבר הירדן מזרחה, און דערנאך גייט מען אריין אין עבר הירדן מערבה, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

* * *

לד. הביאור בפירש"י:

דערפון וואס אין פסוק שטייט "כעת" - דער כ"ף מיט א קמץ, איז מובן אז דא רעדט זיך וועגן א "עת" הידועה (ע"ד כשכהוב בה"א הידיעה), און בנוגע צו וואס איז די ידועה - איז וויבאלד אז דא רעדט זיך וועגן די חיבה פון אידן, ווי ער זאגט אין אנהויב פסוק אז "לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל", וואס דערפאר זיינען זיי ראויים לברכה, איז מובן אז דאס איז א עת המיוחדת וואס דעמולט זיינען אידן געווען אין אן אופן פון "חיבה" פון דעם אויבערשטן, און "עתיד להיות עת כעת הזאת" וואס "תגלה חיבהן לעין כל".

ווען איז דאס געווען די "עת" הידועה וואס דעמולט איז געווען די חיבה פון אידן - איז דאס בשעת מתן תורה, ווען דער אויבערשטער האט געזאגט (יתרו יט, ה) "והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ"; ד.ה. אע"פ אז לי כל הארץ, זיינען אבער אידן אויסגעקליבן געווארן אלס עם סגולה. און די חיבה דעמולט איז געווען בנוגע צו אלע אידן, ווי ס׳שטייט (שם ב ובפירש"י) "ויחן שם ישראל נגד ההר" - "כאיש אחד בלב אחד", ד.ה. אז די חיבה איז אפי׳ בנוגע צו די אידן וואס זיי זיינען "עפר יעקב" (בלק כג, י) -

און דעריבער זאגט רש"י אז דאס וועט זיין אן "עת" וואס מ׳וועט לערנען תורה מפיו של הקב"ה, ווארום דעמולט וועט דאך זיין אזוי ווי בעת מ"ת, וואס דעמולט האבן אלע אידן געלערנט תורה מפי הקב"ה; זיי האבן געהערט די עשרת הדברות מפי הקב"ה, און די עשרה הדברות זיינען דאך כולל כל תרי"ג מצוות, ווי רש"י (משפטים כד, יב) ברענגט אראפ פון די אזהרות הדס"ג.

ד.ה. אע"פ אז לאחרי זה האבן אידן געזאגט "דבר אתה עמנו ונשמעה" (יתרו כ, טז), אז זיי ווילן אז משה זאל מיט זיי לערנען - האבן זיי דאך אבער די עשרת הדברות געהערט פון דעם אויבערשטן אליין.

טענה׳ט אבער בלק: וואס איז נוגע דאס וואס ס׳וועט זיין לעתיד - יעצט לערנען זיי דאך ניט די תורה מפי הקב"ה, נאר זיי לערנען מפי הזקנים און די זקנים פון אהרן ובניו און אהרן ובניו פון משה רבינו (פירש"י תשא לד, לב. עירובין נד, ב)?

אויף דעם ענטפערט בלעם: "שהן יושבין לפניו". דער אופן ווי אידן האבן געלערנט תורה מפי הקב"ה איז געווען בהתיישבות וקביעות, וואס דאס מיינט "יושבין לפניו" (אינו ברור).

און ווי גערעדט כמ"פ די ראי׳ לדבר דערפון וואס רש"י (וישב לז, ב) זאגט אויף "וישב יעקב" "בקש יעקב לישב בשלוה" - דלכאו׳: פון וואנעט נעמט דאס רש"י? - נאר דאס איז רש"י מכריח פון דעם ווארט "וישב" גופא, וואס דאס מיינט התיישבות בקביעות - "לישב בשלוה".

לה. דערביי האט בלעם זיך געדארפט פאדענטפערן פאר בלק׳ן פארוואס עד

- קען -